בס"ד
גליון
# פתגמין קדישין

מדור
**פניני קודש**
לקט אמרי קודש הנובעים
מבאר מים חיים מתורתו של

מדור
**שפתי קודש**
אמרות טהורות, שיחות קודש,
וסיפורי חסידות שנשמעו מפ"ק

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

פרשת אחרי תשפ"ד - גליון ק"ב

מדור
## פניני קודש

**וידבר ה' אל משה אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימותו, ויאמר ה' אל משה דבר אל אהרן אחיך וגו'.** דקדקו המפרשים שלא נתבאר בקרא מה נאמר לו בדיבור הראשון, גם קשה כפל הלשון אחרי מות שני בני אהרן וגו' וימותו. **ובאוהב ישראל** בפרשתן מיישב כפילות הלשון, אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה', שיצאה נשמתם מגודל דביקות והקרבות לה', שמא תאמר כי אם היו יודעים שתצא נפשם מרוב דביקות לא היו בוחרים להתדבק באלהים חיים, לזה אמר וימותו, שהסכימו למות, עיי"ש, ועל פי דרכו נילך לפרש מקראי קודש אלו.

**ב) במדרש** רבה (פ"כ ס"ו) רבי אליעזר אמר לא מתו בני אהרן אלא על ידי שהורו הלכה בפני משה רבן, בר קפרא אמר על הקריבה ועל הקרבה ועל אש זרה, ועל שלא נטלו עצה זה מזה שנאמר (ויקרא י א) איש מחתתו, אבא חנין אומר על ידי שלא היה להם נשים, דכתיב (ויקרא טז א) וכפר בעדו ובעד ביתו, ביתו זו אשתו.

וראוי להתבונן במה קמיפליגי הני אמוראי, והרי בפסוק מפורש להדיא שמתו בהקריבם אש זרה, גם אינו מובן וכי מפני שלא נשאו נשים ולא נטלו עצה זו מזו, לכן נתחייבו מיתה בידי שמים.

**ויבואר** בהקדם מה דשנינו במס' יומא (דף ב.) רבי יהודה אומר אף אשה אחרת מתקינין לו לכהן גדול לפני יום הכיפורים, שנאמר (ויקרא טז א) וכפר בעדו ובעד ביתו, ביתו זו אשתו. ואף רבי מאיר לא פליג עליו בהא דקאמר רבי יהודה שהכהן גדול צריך להיות נשוי, אלא סבר דאין מתקינין לו אשה אחרת דלמיתה לא חיישינן. ויש להבין טעמן של דברים דתלי רחמנא כפרת כהן גדול באשתו.

**ואפ"ל** על פי מה שפירש בקדושת לוי (על פרקי אבות) מאמר המשנה (אבות פ"ב מ"ד) הלל אומר, אל תפרוש מן הציבור, ואל תאמין בעצמך עד יום מותך. כי אמרו חז"ל (אבות פ"ה מי"א) כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו, ולזה הזהיר אל תפרוש מן הציבור להתבודד

ולהפרש מהם, אלא תראה לזכותן להשיבן בתשובה שלימה, והטעם כי אל תאמין בעצמך עד יום מותך, שהרי יוחנן כהן גדול שימש בכהונה גדולה שמונים שנה ולבסוף פירש, אבל אם תהיה מזכה את הרבים תהא מובטח שלא תחטא, עכ"ד.

**ובזה** כתב א"ז זללה"ה **בייטב לב** (פ' וירא) לפרש הכתוב (בראשית יח יט) כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה', וביאר בתרגום אונקלוס, ארי גלי קדמי, והענין כי מפני שהוא מזכה את הרבים לצוות את בניו ואת ביתו אחריו להדריכן על דרך התורה ושמרו דרך ה', על כן גלוי לפני שלא יחטא, כי המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו, עכ"ד.

**והנה** כתב הרמב"ם (הלכות תשובה פ"ב ה"ב) ומה היא התשובה, שיעזוב החוטא חטאו ויסירו ממחשבתו, ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם, עכ"ל. ולפי זה מובן שפיר מה שכפרתו של כהן גדול תלויה ועומדת באשתו, כי מאחר שתשובה המקובלת הוא עד שיעיד יודע תעלומות שלא ישוב לכסלה, ובכן מי יאמר זכיתי לבי טהרתי מחטאי עד שיעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לחטא זה לעולם, אמנם מי שנושא אשה והוא מצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה', הרי מובטח הוא לו שלא יחטא, כי המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו, ושפיר יכול הקב"ה להעיד עליו שלא ישוב לכסלה עוד.

**אמנם** עוד מצינו סגולה ושמירה לבל יכשל בחטא ועון, והוא לאחוז בדרכי הראשונים, וכמו שאמרו חז"ל (ב"ר פע"ו ס"ד) ההולך בדרכי אבות הקב"ה מתקיים עליו בזכות אבות, והקושיא מפורסמת כי אם הוא הולך בדרכי האבות הרי יש לו זכות בפני עצמו, וזכות אבות מאי מיבעי ליה, אמנם הכונה כי מי שהולך בדרכי האבות ואינו משנה ממידתם כל שהוא, זכות אבותיו מסייעתו לבל יכשל בחטא ועון, והיינו אני מתקיים עליו בזכות האבות, היינו שזכותם עומדת לו להינצל מכל חטא ופשע.

**והנה** כתבו בעלי התוס' בענין חטאם של נדב ואביהוא שהביאו אש זרה, דאף על גב דמצוה להביא אש מן ההדיוט, כדכתיב (ויקרא א ז) ונתנו בני אהרן הכהן אש על המזבח, היינו לאחר שירדה אש מן השמים פעם אחת, אבל קודם לכן לא היה להם להביא מן ההדיוט, מפני שממעטים בכבוד שמים, שיאמרו באש של הדיוט נאכל הקרבן, ולפיכך כשהביאו אותה פגעה בהם מדת האש היורדת מן השמים, וקשה שהרי קודם לכן כתיב ותצא אש מלפני ה' ותאכל על המזבח את העולה ואת החלבים, הרי שכבר ירדה אש מן השמים מקודם, ואם כן הדרה קושיא לדוכתיה מדוע לא הותר להם להביא אש מן ההדיוט, עיי"ש בדבריהם.

**וייש** ליישב הענין דאף על פי שמצוה להביא אש מן ההדיוט, היינו דוקא שיביאו כולם כאחת, אבל הכא הרי נאמר ויקחו בני אהרן נדב ואביהוא איש מחתתו ויתנו בהם אש, וכהאי גונא לא מצינו בשום מקום שיהא מצוה לעשותו, ולכן פגעה בהם מדת הדין ומתו בקרבתם לפני ה'.

**ומעתה** כל הטעמים בסיבת מיתת בני אהרן על קוטב אחד יעלו וחדא מיתרצא בחברתה, כי באמת מתו על הקריבה ועל הקרבה ועל אש זרה כמבואר בפסוקי הפרשה, אך לכאורה יקשה מה פשעם ומה חטאם והלא מצוה להביא מן ההדיוט, לזה אמר על שלא נטלו עצה זה מזה, אלא הביאו כל אחד איש מחתתו, ולא מצינו שיהא מצוה להביא כל אחד אש בפני

עצמו, ועל דבר זה נענשו. אמנם כאן ישאל השואל האיך נכשלו הני צדיקיא בחטא כזה להביא כל אחד אש מן ההדיוט, לזה אמר אבא חנין שלא היו להן נשים, ומפני שלא נשאו נשים ובנים לא היו להם, אם כן נחסר מהן ההבטחה של המזכה את הרבים אשר אין חטא בא על ידו, ועל זה מביא הפסוק וכפר בעד ביתו, ודרשינן ביתו זו אשתו, ונשמע מכאן כי הנושא אשה ומזכה את בניו ואת ביתו אחריו להדריכם על דרך ה', מובטח הוא לו שלא יחטא, זאת ועוד שהורו הלכה בפני רבן, ולא הלכו בדרך האבות, ולכן גם נחסר להם זכות אבות להצילם מן החטא, ולכן באו לידי מכשול להקריב אש זרה אשר לא צוה אותם.

**ועוד** נקדים דברי הרה"ק מהר"י מבעלזא זי"ע על הפסוק (בראשית ה כד) ויתהלך חנוך את האלהים, ופירש"י צדיק היה וקל בדעתו לשוב להרשיע. נראה דאיתא בספרים דכשמגיע הזמן שיסתלק איזה צדיק מן העולם, הקב"ה נמלך בו ושואל אותו אם מסכים על כך, וכשרואה הצדיק שתיקן כל מה שהיה עליו לתקן בזה העולם, הוא בעצמו מסכים לרצון העליון להסתלק מן העולם, אך כשהקב"ה רוצה לסלק חלילה איזה צדיק מן העולם קודם זמנו, אזי בודאי לא יתרצה הצדיק להסתלק כי הוא רוצה עוד לסגל מצוות ומעשים טובים, ממילא נותן לו הקב"ה בדעתו שעולה מורך בלבבו פן ואולי תם ושלום בימים הבאים ישוב לכסלה וחטא ואשם באיזה דבר חלילה, ולכן גומר בדעתו למה לי חיים כאלה אשר יש לחוש פן יתגלגל בחטא, ומתרצה להסתלק מן העולם קודם זמנו, וזה הכונה בדברי רשיז"ל, צדיק היה, ולא היה הקב"ה יכול לסלק אותו לפני זמנו אם לא יסכים לזה מרצונו, וקל בדעתו להרשיע, דהיינו שהקב"ה שלח לו מחשבה בדעתו שיחוש על עצמו שהוא קל לשוב ולהרשיע חלילה, וכשעלה זאת בדעתו הסכים גם כן לרצון עליון להסתלק מזה העולם עוד קודם זמנו, עכ"ד הנחמדים.

**ולפי** דרכינו יובנו הדברים היטב, כי אצל חנוך מצינו שהעלים עיניו מבני דורו ולא זיכה את הרבים להשיבם מעון, ובכן י"ל כי מפני כך מורך עלה בלבבו שמא ישוב וירשיע, כיון שלא היה לו ההבטחה של המזכה את הרבים שאין חטא בא על ידו, ולכן הסכים להסתלק מן העולם קודם זמנו. וכדבר הזה נימא אנן גם אצל נדב ואביהוא, דכיון שלא נשאו נשים, וגם הורו הלכה בפני רבן, נחסר מהם ההבטחה שלא יבואו לידי עון, ולכך הסכימו להסתלק מזה העולם לפני זמנם.

**וזה** שאמר הכתוב וידבר ה' אל משה אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימותו, ושיעור הדברים כך הוא, אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה', שמתו על הקריבה והקרבה, והטעם שנכשלו בדבר הזה, כי לא נשאו נשים וממילא נחסר מהם זכות זיכוי הרבים שיגן עליהם להנצל מן החטא, וכן לא היתה זכות אבותם מסייעתם שלא להיכשל בדבר הלכה, ולכן וימותו, פי' הסכימו גם הם שיסתלקו מן העולם קודם זמנם, כי כן דרך הצדיקים שאינם רוצים להיות בעולם הזה אם יש חשש בדבר שמא ירשיעו. והן הן הדברים הנאמרים למשה בדיבור הראשון, להודיע להם לישראל הדרך אשר ילכון והמעשה אשר יעשון, להיות מהמזכים את הרבים להדריך בנים ובנות על דרך התורה, וללכת בעקבות האבות ועל ידי זה יהיו בטוחים שלא יחטאו, שלא ימותו כדרך שמת פלוני.

מדור
# שפתי קודש

## לְלַמֵּד בְּנֵי יְהוּדָה
די עבודת הקודש פון רבותינו הק' צו לערנען מיט תלמידים

מתוך דברות קודש
### אצל שלחן הטהור ביומא דהילולא קדישא
### כ"ו ניסן תש"פ לפ"ק

לאחר שהאריך רבינו בדברי תורה בענין פירות הצדיקים הם התלמידים שלמד תורה עמהם

**דער טאטע זכרונו לברכה,** אלע יארן וואס איך גדענק, איז געווען וואס ער האט זיך אוועק געגעבן, ער איז געווען דער והאיש משה ענו מאוד מכל האדם מכל האדמה, ער האט מכבד געווען יעדען תלמיד חכם, ער האט מכבד געווען יעדעם איינעם, מ'האט אלץ געזעהן די בחינה וואס שטייט [פון רבי ר' אלימלך] שנראה כל אחד מעלת חברינו ולא חסרונם, וואס איז טייטש, פארוואס איז נראה כל אחד מעלת חברינו, מיט דעם וואס מ'זעהט מעלת חברינו.

**אזיווי** ס'שטייט אין **מאור ושמש,** אז די סיבה וואס מ'פארט צו צדיקים אז יעדער איינער זאל זיך קענען אפלערנען איינער פונעם אנדער'ן, שנראה כל אחד את מעלת חברינו, אין יעדער איינעם האט ער געזעהן זיין מעלה אסאך מער ווי זיך אליין, ער האט מכבד געווען יעדער איינעם, און אין אמת'ן ווואלט ער געקענט זיין אסאך מער, נאר ער האט זיך אוועק געגעבן כל ימיו, ממש מ'קען זאגן, מ'רעדט שוין נישט פון דעם וואס ער האט מרביץ תורה געווען אלע יארן, ער האט געלערנט מיט בחורים, ער האט געלערנט מיט בעלי בתים, פארטאג'ס און ביינאכט, זייט אונז זענען געווען קליינע קינדער, איז אין שטוב אייביג געווען פארנומען, ס'איז געווען דין תורה'ס, און עניני שלום בית וואס ער האט זיך אוועק געגעבן, שעות שעות ארוכות, איך גדענק, אונז זענען מיר געווען קליינע קינדער, ס'פלעגט זיין קולי קולות אין שטוב, און אין שטוב האט מען נישט געלעבט אין קיין ברייטקייט, מ'האט געלעבט אין א קליינע דירה, מ'דארף דערמאנען לשבחו פון די מאמע ע"ה, מ'איז אריין געקומען אין שטוב איז געווען א קליינע ד' על ד', אקעגן איבער איז געווען דעם טאטן'ס ספרים שטוב, אין די

לינקע זייט איז געווען די קאך, יעדער איד וואס איז אריין געקומען האט מיט געהאלטן פונטקליך וואס ס'איז געווען אין קאך, ס'זענען געקומען מענטשן בייטאג און ביינאכט, ס'איז נישט געווען אזא מין זאך, די אנדערע שטוב איז מען געזעצן, דארט איז געווען מ'האט געגעסן, ס'איז געווען דין תורות, איינער איז געזעצן דא, און איינער איז געזעצן דארטן, די שטוב איז געווען אוועק געגעבן פאר אידן.

**אזוי** ווי ס'איז ידוע אז דער **גארליצער רב** האט געזאגט אויפ'ן זייד'ן דער **ייטב לב**, אז מיט דעם וואס ער האט געלערנט מיט יונגע בחורים, דאס האט אים צוריק געהאלטן, האט ער געזאגט, ער וואלט געקענט דען זיין אזוי גרויס, אז ווען ער וואלט נישט געלערנט מיט די בחורים וואלט ער געווען אזוי גרויס ווי דער **דברי חיים**, און דער ייטב לב אליינס האט געהייסן אויף שרייבן אויפ'ן מציבה, ס'שטייט אויף געשריבן "העמיד תלמידים הגונים וישרים", דאס האט ער געהייסן שרייבן, ווייל דאס איז ער געווען, זיך אוועק צו געבן פאר אידן'ס וועגן.

**דאס** איז געווען די עבודה וואס ער האט מקבל געווען פון די אבות, און דאס איז געווען וואס דער **רבי זכותו יגן עלינו** האט געטוהן, אונז קענען זיך פארשטעלן וויפיל וואלט דער רבי ווען ער וואלט זיך נישט אפגעגעבן מיט די אלע זאכן, וואספארא מדריגות ער וואלט געקענט צוקומען, נאר ער האט זיך אוועק געגעבן די גאנצן נפש פאר אידן.

**דער טאטע זכרונו לברכה** האט זיך אוועק געגעבן אלע יארן איז דאס געווען, ער האט געטוהן פאר אידן'ס וועגן, ער האט געטוהן וואס מ'האט געדארפט ארויס צו העלפן אידן, אין יעדע הינזוכט.

**ס'איז** דא בריוו, ס'איז דא **ר' יוסל טעמפלער'ס** מוטער, זיי זענען געווען צוויי שוועסטער'ס, זיי זענען געבליבן אליין נאך די מלחמה, ס'איז דא בריוון, דער טאטע האט זיי געשריבן, וואס ער שרייבט זיי, דער טאטע איז דאך געווען מיט זייערע פאטער אין לאגער, ער איז אוועק, און ער איז זיי מחזק, פארוואס, זיי זענען געווען צוויי יונגע מיידלעך זיי זענען געבליבן אליין, ער האט זיי געדארפט מחזק זיין, האט ער געשריבן א בריוו צו צוויי יונגע מיידלעך, זיי מחזק זיין זיי זאלן זיך קענען האלטן, ס'איז געווען גרויסע נסיונות דעמאלטס.

**ס'איז** נישט געווען א זאך וואס ער האט זיך צוריק געהאלטן צו טוהן וואס ער האט געהאלטן אז מען דארף טון, ווייל ס'איז נישט לכבודו צו גיין טוהן, אלעס, ער האט זיך אוועק געגעבן פאר אידן'ס וועגן.

**איך** האב אינזין געהאט, קען זיין, טאקע מיט דעם, די **גמרא** זאגט (בבא בתרא קט"ז ע"א) "מי שיש לו חולה בתוך ביתו ילך אצל חכם שבעירו", און דער **נימוקי יוסף** זאגט דארטן "אצל חכם" איז א "תופס ישיבה", פארוואס טאקע? ווייל איינער וואס געבט זיך אוועק פאר אנדערע, ער לערנט מיט אנדערע, ער געבט זיך אוועק פון זיך, דער קען מתפלל זיין פאר אידן, וויאזוי קען ער מתפלל זיין? אז ער געבט זיך אוועק פאר'ן אייבערשטן'ס וועגן, ער געבט זיך אוועק פאר אנדערע, קען ער מתפלל זיין.

**ס'איז** דא א תורה די וואך אין פרשת מצורע, דער **טאטע זכרונו לברכה** זאגט, שטייט דארטן, זאגט ער אז דער **אבן עזרא** שטעלט זיך "והנה נרפא נגע הצרעת מן הצרוע", שטעלט ער זיך, ס'וואלט געדארפט שטיין פונקט פארקערט, "נרפא הצרוע מנגע הצרעת", דער

צרוע איז אויס געאיילט געווארן פון דעם נגע, וואס איז טייטש "נרפא נגע הצרעת מן הצרוע", און אויך וואס איז די "והנה".

**ברענגט** ער דאס, איך האב דאס נאך געזאגט פריערדיגע וואך, אז דער **בעלזער רב** האט אמאל געטייטשט, מ'זאגט דארט "מלפנים ממצרים גאלתנו, מבית עבדים פדיתנו, מחליים רעים ונאמנים דליתינו", זאגט ער, אויף די חלאים שטייט (מס' עבודה זרה נ"ה ע"א) אז ס'איז נאמנים בשליחותם, אויף ווען ס'דארף גיין, פונקט אזויווי "מלפנים ממצרים גאלתנו", אז דער אייבערשטער האט ארויס גענומען אידן פון מצרים קודם הזמן, איז דא אויך, אפילו ס'איז דא חלילה א מחלה וואס האט באקומען א זמן ווילאנג ס'זאל דארט זיין, קען מען עס אוועק נעמען ס'זאל זיין פריער.

**ברענגט** ער דארט אז **רבי ישכר בער** האט געזאגט אז דעמאלטס ווען דער פאטער האט געזאגט די תורה, זענען אסאך חולים אויס געאיילט געווארן מיט די תורה.

**זאגט** ער, די צדיקים האבן א כח אז אפילו ווען ס'איז דא א גזירה וואס האט א זמן ווילאנג ס'דארף זיין, קענען זיי עס מקדים זיין, זאגט ער, פארדעם "והובא אל הכהן", ער גייט צום כהן, זעהט מען אז "והנה", פלוצלינג "והנה נרפא נגע הצרעת", ס'האט געדארפט דען זיין די צרוע, ס'האט נאך געדארפט זיין ווייטער, אבער אז ער איז געקומען צום כהן, דער כהן האט געהאט א כח אויס צו היילן, ונרפא נגע הצרעת מן הצרוע, ס'האט נאך געדארפט דען זיין דער צרוע, אבער דער כהן האט עס געקענט אוועק נעמען.

**דאס** איז טייטש, אז דער וואס געבט זיך אוועק פאר'ן אייבערשטן'ס וועגן, האט ער דעם כח טאקע צו קענען מתפלל זיין פאר אידן, ער זאל קענען אראפ ברענגען, טאקע פאר דעם ווייל ער געבט זיך אוועק, "להנחיל לאוהבי יש", ער האט ליב דעם אייבערשט'ן, ער טוהט פאר'ן אייבערשטן'ס וועגן האט ער ליב יעדן איד.

**מ'דערמאנט** זיך צוריק די צער וואס ער האט זיך מצטער געווען מיט יעדן, מיט יעדער וואס מ'האט מזכיר געווען ביי אים, וויל ער האט עס מיט געלעבט, איך רעד שוין נישט ער איז געווען א קינד, ביי אים טשעפענען א איז געווען ביי אים געפערליך, ער האט נישט געקענט פארשטיין וויאזוי מ'קען טשעפענען א צווייטן, די צער וואס ער האט געהאט פאר יעדן איד.

**איך** דערמאנט זיך טאקע די ערשטע יארן, מ'פלעגט אנרופן מזכיר זיין איינעם, פלעגט ער צוגיין צום טעלעפאן, יענעם אויס פרעגן און אים אנוואונטשן, איז געווען וואס האבן אים געזאגט, יענער רופט מזכיר זיין, דער גבאי' קען נעמען די בקשה און מזכיר זיין, וואס דארף דער רבי גיין צום טעלעפאן, אנדערע רבי'ס גייען נישט צום טעלעפאן, זיי רעדן נישט אויפ'ן טעלעפאן, האט ער געזאגט, איך פארשטיי נישט וואס דו ווילסט, איך גיי צו צום טעלעפאן, איך רעד צו דער איד, איך הער אים אויס, ער באקומט חיזוק, איך בין אים מחזק, זאגסטו מיר אז ס'איז נישט אויס געהאלטן, און אז איך זאל עס נישט טון, זיין גאנצע מהות איז געווען דאס וואס ער האט זיך מצער געווען אין יענעם'ס צער.

**ווען** מ'האט מזכיר געווען און נאכדעם איז מען אים נישט געקומען זאגן אז דער אייבערשטער האט געהאלפן, ס'האט אים ווי געטוהן, ער האט געזאגט, אז דו ביסט ביי מיר מזכיר טוהט מיר עס וויי, פארוואס קומט מען אים נישט זאגן ווען דער אייבערשטער

האט געהאלפן און מ'האט געהאט א ישועה פארוואס קומט אים נישט זאגן.

**דאס** איז געווען די כח טאקע וואס ער געבט זיך אוועק, להנחיל לאוהבי יש, די אוהבים פונעם אייבערשט'ן געבן זיך אוועק, דאס איז די כל צדיק וצדיק, ער איז געווען מקושר מיט יעדער איינער, ער פלעגט ארויס העלפן יעדער איינער, ער טוהט זיך אוועק געבן פאר'ן אייבערשטן'ס וועגן, דאס איז די כח פון צדיקים.

**אונז** ווייסן, דער זיידע דער **ייטב לב** האט געזאגט "כה תברכו את בני ישראל אמור להם", דורכדעם וואס מ'זאגט תורה, דורכדעם ברענגט מען אראפ א ברכה, דאס איז טייטש, דורכדעם וואס מ'לערנט מיט אידן, דורכדעם איז דא די כח, קען מען "כה תברכו את בני ישראל", קען מען ברענגען די ברכות פאר אידן.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן טאקע די זכות זאל מגין זיין, מ'וועט דערמאנען טאקע די זכות פון מיין ברודער רבי ליפא, וואס ער האט געדרוקט די ברך משה, וואס ער האט זיך אוועק געגעבן דערפאר, ס'האט געקאסט אסאך כח און אסאך צייט, ער האט זיך אוועק געגעבן דערויף, ער האט א געוואלדיגע זכות, און טאקע די תורות פון טאט'ן, אידן האבן הנאה דערפון, ס'געבט חיזוק פאר אידן, ס'איז דברים מתוקים, ער האט א געוואלדיגע זכות, לאמיר בעטן טאקע די זכות זאל איםביישטיין, ער זאל זיין געזונט בבריאות השלימות, און קענען ווייטער ממשיך זיין, די זכות פונעם טאט'ן זאל מגין זיין.

**ס'איז** א עת צרה היא ליעקב, מ'שטייט אין א גרויסע צרה, אזויפיל אידן דארפן האבן ישועות, מיר דארפן מיר האבן ישועות מ'זאל קענען ווייטער עוסק זיין בתורה, תינוקות של בית רבן, די ישיבות, מ'זאל קענען עוסק זיין בתורה, דאס איז געווען די כח וואס דער זיידע זכרונו לברכה האט אוועק געשטעלט פאר אלע דורות, מ'זאל לערנען מיט אידישע קינדער, מ'זאל לערנען מיט בחורים, דארף מען מתפלל זיין מ'זאל טאקע קענען, "והסיר ממנו כל מחלה", מ'זאל אועק נעמען אלע חולאים, מ'זאל קענען טאקע ווייטער צוריק גיין, יעדער איינער זאל עוסק זיין בתורה, טאקע די כח וואס ער האט זיך מוסר נפש געווען, אוועק געגעבן.

**ער** רעדט פון דעם איינמאל און א שמועס נאכ'ן דעם רבין'ס הסתלקות, זאגט ער, ער האט קיינמאל נישט עולה געווען על הדעת אז ער זאל זיין ממלא מקום פונעם רבי'ן, ער האט געזאגט ער האט געוואוסט אז דער רבי איז א זקן, אבער ס'איז אים קיינמאל נישט איין געפאלן אז ס'קען אזא מין זאך זיין אז מ'וועט נישט זוכה זיין אז דער רבי זאל אונז נישט פירן אקעגן משיח'ן, ער האט קיינמאל נישט געהאט זאגט ער א צל פון א מחשבה.

**אפילו** נאכדעם, ביי די זעלבע נקודה, ס'איז געווען טאקע נאכ'ן רבין'ס הסתלקות, איז געווען, ער האט געוואוינט אין בארא פארק, ער האט געהאט פרנסה די לעצטע יארן דארטן, איז געווען אזעלכע וואס האבן מיט אים גע'טעה'עט אז וואס דארף ער פארן קיין וויליאמסבורג, מענטשן האבן געהאט נגיעות, ער האט געוואוינט אין בארא פארק, וואס דארף מען גיין קיין וויליאמסבורג, ער קען אונזער ציבור, ס'איז נישט די גרינג'סטע ציבור, ס'איז נישט קיין גרינגע מענטשן, ס'איז אהער אהין, ווער ס'וועט וועלן וועט קומען צו אים דארטן, ער וועט קענען ממשיך זיין אויף ביתר שאת וביתר עז, ער זאל נישט

מוזן קומען אהער, ער האט נישט געענפערט אויפ'ן פלאץ, שפעטער האט ער געזאגט, איך האב געפרעגט אפאר מענטשן וואס איך זאל טוהן, האב איך געזעהן, די גוטע פריינד פונעם רבי'ן זאגן איך זאל גיין, די וואס זענען נישט אזעלכע גוטע פריינד, האבן געזאגט ניין, מ'דארף טאקע נישט גיין, זאגט ער, זאל איך גיין טוהן דאס וואס די וואס זענען נישט די גוטע פריינד פון רבי'ן? ס'איז בעצם געווען א שבירת המדות, מ'האט זיך געדארפט קענען מתגבר זיין פאר'ן אויף שבת, אבער דאס איז געווען.

**ער** האט זיך מבטל געווען פאר'ן רבי'ן כקליפת השום, כעבד קמיה רבו, און דאס איז געווען זיין גאנצע מהות, צוצוהעלפן און זעהן אז דאס וואס דער רבי האט אוועק געשטעלט זאל קענען שטיין, און דאס האט ער ממשיך געווען נאכדעם אויך, אלע האבן געהערט פון אים, ער האט געזאגט, ער האט געהאלטן ביי זיך אז ער האט גארנישט אויף געטוהן, ער האט גארנישט געטוהן, ער איז נאר א שומר, ער היט אפ די פקדון וואס דער רבי זכותו יגן עלינו, דאס איז טייטש, ער האט זיך אנגעקוקט ער איז גארנישט, ער האט קיינמאל נישט געטראכט ביי זיך אז ער טוהט עפעס, פארוואס? ווייל ער האט טאקע געזעהן, "והאיש משה ענו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה", פארוואס? ער האט געזעהן, ער וואלט געקענט זיין מער, ווען ער וואלט זיך נישט אוועק געגעבן וואלט ער געקענט שטייגן אין א העכערע מדריגה, און דאס האט ער אלץ געשפירט, און פארדעם איז ער געווען ביי זיך אזוי כחרס הנשבר אלץ צובראכן, אבער מיט דעם האט ער טאקע אוועק געגעבן פאר יעדן איד, בכלליות ובפרטיות, משתתף געווען ביי יעדעמ'ס צער, מיט יעדעמ'ס צרה, מ'האט געדארפט ארויס העלפן א איד מיט געלט, וואס מ'האט געדארפט איז ער אייביג געווען, ער האט געשפירט אז דאס איז זיין תפקיד וואס ער דארף צו טוהן, און טאקע די בחינה פון "להנחיל אוהבי יש".

**דער** אייבערשטער זאל העלפן טאקע די זכות זאל מגין זיין, מה כאן עומד ומשמש אף שם עומד ומשמש, ער האט אוועק געגעבן פאר אידישע קינדער'ס וועגן, אידישע קינדער זאלן קענען זיין געזונט, ער האט מתפלל געווען פאר אידן, מיר געדענקן זיינע תפילות וואס ער האט מתפלל געווען, מתוך דמעות שליש וויאזוי ער האט מתפלל געווען, ממש, מ'קען זאגן, איך געדענק נישט פון אלס קינד אן ס'זאל נישט זיין תפילות מיט בכיות מיט דמעות, ס'איז נישט געווען אזא מין זאך ער זאל נישט אזוי מתפלל זיין.

**איז** די כח פון תפילה איז אוודאי קיים, ער זאגט "הליכות עולם לו, אל תקרי הליכות אלא הלכות", ס'איז הליכות עולם לו, מה כאן איז ער הולך, איז אויך דארט איז ער הולך, דער אייבערשטער זאל העלפן טאקע ער זאל קענען, זיין זכות זאל מגין זיין פאר יעדן איינעם, פאר מיין ברודער רבי ליפא זאל זיין געזונט בבריאות השלימות, פאר די אלע חולים, אלע וואס דארפן האבן ישועות, מ'דארף ישועות ברוחניות, מ'זאל קענען ווייטער עוסק זיין בתורה, די זכות זאל מגין זיין פאר אונז אלע, אויף אלע קינדער און אייניקלעך צו קענען זוכה זיין צו קענען גיין אויף דעם וועג, ס'זאל זיין א בחינה פון "צדיק וצדיק", צו זיין דבוק אין פריערדיגע צדיקים, די זכות זאל מגין זיין פאר אונז אלע, מ'זאל קענען מגדל זיין ערליכע אידישע דורות מתוך שמחה ונחת, ביז דער אייבערשטער וועט העלפן מ'וועט קענען זוכה זיין צו זעהן בישועתן ושמחתן של ישראל, בביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# אמר מר

## לְצֶדֶק יִמְלָךְ מֶלֶךְ. שָׁלְמוּ יְמֵי אֶבְלֵךְ. לְאוֹרוֹ נִסַּע וְנֵלֵךְ.

## **קטעים זכרונות שסיפר כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

### בתוככי שבעה דנחמתא ביושבת בעמק הבכה בהסתלקות מר אביו, אבינו רועינו כ"ק מרן רבינו הגה"ק זי"ע

### חלק א'

דעם לעצטן שבת אינדעפרי האט מען אים געגעבן א סידור און האט מיט געזאגט ברכת התורה און קר"ש נאכקוקנדיג די ווערטער אינעם סידור מיט די אויגן.

די לעצטע ווערטער וואס ער האט אליינס געזאגט, איז געווען כ"ג אדר, דער הויז בחור איז געפארן קיין ליזענסק, ווען ער איז צוריק געקומען האט ער געזאגט אז ער האט אינזין געהאט און מתפלל געווען פארן רבי'ן, און האט געבעטן דער רבי זאל זאגן עפעס, האט ער דאמאלס געזאגט בזה"ל: "וואס זאל איך דיר זאגן, איך וואלט נאך געוואלט זיין א ערליכע איד".

(בשעת ניחום אבלים ע"י אדמו"ר מסקווירא שליט"א יום א' אח"ק תשס"ו)

דער טאטע פלעגט כסדר זאגן, אז די ברויט און פוטער פון א איד איז לערנען גמרא תוספות.

(בשעת ניחום אבלים ע"י אב"ד לאנדסבערג שליט"א - יום א' אח"ק)

דער טאטע איז אמאל געווען ביים רבי'ן זי"ע, און ס'איז געקומען א איד מיט זיין טאכטער א כלה צו געזעגענען, און האט מיטגעברענגט די צירונגען צו בענטשן, און ער האט עס געבענטשט, און ער האט געזעהן ווי דער טאטע קוקט אזוי מיט א בליק ווי עס איז א חידוש די גאנצע זאך, ווייל אין סיגוט איז עס נישט געווען, האט ער געזאגט, קוק אהער דא איך בין סיי דער טאטע און סיי די מאמע.

דער טאטע איז אויכעט געווען א טאטע פאר יעדע תלמיד, ס'איז נישט געווען אזא זאך אז א איד זאל אריין קומען מיט א פראבלעם פון א קינד אין די מוסדות און ער זאל בלייבן רואיג, ער פלעגט תיכף טוהן דערין, ס'איז געווען די מוסדות פון טויזנטער קינדער, אבער יעדע קינד איז געווען נוגע ללבו.

(בשעת ניחום אבלים ע"י הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל משב"ק - יום ד' תזו"מ)

דער טאטע פלעגט זאגן, אז ער האט געשפירט דעם רבי'ן ווי א טאטע, ווען ער פלעגן אהין גיין האט ער באקומען א מורא'דיגע התקרבות.

זיבן יאר צוריק האט ער מיר געזאגט, לא שרה אני נותן לכם אלא עבדות, דאס איז אים כסדר געשטאנען פאר די אויגן.

ער האט געלעבט מיט אזא שטיק אמונה, אז ער האט אין אונז אלע אריין געברענגט אמונה, ווי ער פלעגט אייביג זאגן אז די אני מאמין דאס

האט זיי געהאלטן אין די אלע צרות.

דער מדרש זאגט אין פרשת שמיני, קרא משה לאהרן ולבניו ולזקני ישראל, פארוואס האט מען גערופן די זקני

ישראל, ווייל מען זעט ביי מצרים אז די אידן האבן נישט געגלייבט, האט מען גערופן די זקני ישראל, אז די זקני ישראל זאגן אריין ברענגן אמונה אין כלל ישראל, זאגט די מדרש אז די אידן זענען נמשל לעוף, זקני ישראל זענען די פליגלען, פונקט ווי א עוף קען נישט פליען אן פליגלען, אזוי אויכט כלל ישראל דארף האבן די זקני ישראל, וואס די זקני ישראל הייבן אויף דעם כלל ישראל

(בשעת ניחום אבלים ע"י כ"ק אדמו"ר מטאהש שליט"א - יום ד')

דער חתם סופר זאגט, ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבונים תתסתר, אז ביי די חכמי אומ"ה גייט עס אז מען פרובירט אלץ אפצוועגדן די פריעדיגע דורות, ביי די תורה גייט עס אנדערש, כבן ננס על גבי ענק, אז מען ווייסט אז די פריעדיגע זענען געווען גרויס, א ענק, און איך קען מיר בלויז ארויף שטעלן אויף אים און זיין ווי א בן ננס, זאגט דער חתם סופר אין א הספד, אז היינט כאפט זיך דאס אויכט אריין ביי די חכמי התורה, זאגט ער, פארוואס איז ואבדה חכמת חכמים, ווייל ס'איז ובינת נבותי תסתתר, אז מען ווענד אלעס אפ פון פריער בלייבט נישט פון די חכמה, די גאנצע זאך וויאזוי מיר קענען זיך האלטן איז נאר אויב מען בויעט אויף די פריעדיגע.

דער רבי זי"ע פלעגט זאגן, אם ראשונים כמלאכים אנו כבני אדם, וואס הייסט כמלאכים, ווייל אויב מען זאגט אז די פריעדיגע זענען געווען כבני אדם, נו אויב אזוי קען איך דאך זאגן אנדערש, אבער אויב ווייסט מען אז ראשונים כמלאכים און איך קען נישט זאגן אנדערש ווי זיי, דעמאלס קען מען האפן אז אנו כבני אדם.

(בשעת ניחום אבלים ע"י אב"ד אראד שליט"א - יום ד')

דער רבי זי"ע האט אמאל ביי א הספד געזאגט, אז מען זאגט אויף אליהו הנביא, איש דורות שנים עשר ראו עיניו, אז וויבאלד מ'האט געזען פריעדיגע דורות, האט ער עס געקענט זאגן ווייטער און ווייטער משפיע זיין.

די וועלט זאגט אויף די גמרא, כל שהוא ובנו ובן בנו ורואין זה את זה שוב אין תורה פוסקת מזרעו לעולם, רואין זה את זה, מיינט אז עס געפעלט זיי, די לשון רואה אני את דברי אדמון, אז עס געפעלט זיי און מען פירט זיך אויף ווי זיי, דעמאלס איז דא די הבטחה.

דער טאטע האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן, פארוואס פון קדושת יום טוב איז כמעט גארנישט דא געשריבן, נאר די איין ספר, האט ער געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס האט ער נישט געשריבן, האט דער רבי געזאגט, אז די קדושת יו"ט האט געהאלטן אז ער קען נישט, האט דער טאטע צוריק געפרעגט וואס הייסט ער קען נישט, עס איז דאך דא די תורות פונעם ייטב לב וואס ער האט געשריבן, האט דער רבי געזאגט וואס זאל איך דיר זאגן, אז ער האט געהאלטן אז ער קען נישט.

און דער טאטע האט אויכעט געהאלטן אז ער קען נישט [דערפאר האט ער אויך נישט געשריבן].

(בשעת ניחום אבלים ע"י האדמו"ר ר' ישעי גרויס זצ"ל מקערעסטיר)

דער טאטע האט אלע יארן געניצט י"ב חלות, דער רבי האט נישט געהאט קיין י"ב חלות, מען

ווייסט נישט פארוואס, ווען די רביצין האט אים געפרעגט צו זי זאל מאכן האט ער איז געזאגט אז ער וועט איר מודיע זיין ווען אנצוהייבן, ס'איז דא וואס זאגן אז די רביצין האט נישט געוואלט מאכן, דער טאטע האט אבער פארציילט אז די ערשטע רביצין פלעגט אויכעט נישט מאכן, זי האט נישט געמאכט ווייל ער האט נישט געוואלט.

ווען דער טאטע איז געקומען קיין אמעריקא, איז דער טאטע געווען אומבאקוועם, דא האט דער רבי נישט קיין י"ב חלות, און ער האט יא, מילא ווען ער וואוינט נישט אין די זעלבע שטאט, אבער דא וואוינט מען ממש צוזאמען.

איז ער געגאנגען פרעגן דעם רבי'ן, האט דער רבי אים געזאגט, אז ער זאל ווייטער נעמען.

ס'ווערט געברענגט אז דעמאלס האט איינער געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס ער נעמט טאקע נישט, האט דער רבי זיך ארויס געדרייט און געזאגט אז מען האט אים נישט מגלה געווען פון הימל דעם טעם. און דער ישמח משה זאגט אז נאר די וואס ווייסן דעם טעם זאלן נעמען.

(בשעת ניחום אבלים ע"י הגה"צ רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א חבר הבד"ץ - יום ד')

ער האט אמאל פארציילט, ווען ער איז געווען זיבן יאר האט ער אמאל געהערט א דרשה פונעם בראשוב'ע רב, און ער פלעגט זאגן אז ס'קלינגט אים נאך אין די אויערן ווי גלייך ער האט עס היינט געהערט.

ער האט געזאגט אז די לעצטע נביאה פון מלאכי איז זכרו תורת משה עבדי, אז ס'וועט קומען א צייט וואס ס'וועט שוין נישט זיין קיין נבואה, עס וועט שוין נישט זיין קיין צדיקים, אבער די תורה הקדושה דאס בלייבט.

מיט דעם געזעגנט זיך די נביא פון כלל ישראל אז מען זאל זיך נישט מיאש זיין.

בשעת ניחום אבלים ע"י אב"ד בראשוב שליט"א יום ה'

די קול ארי' פלעגט אסאך מקיל זיין אין הלכות אבילות, האט מען אים געפרעגט, איר ווילט עפעס אוועק מאכן גאנץ הלכות אבילות, האט ער געזאגט, יא.

מען פארציילט - איך געדענק נישט פון וועם - אז תשעה באב פלעגן די אינגען זיך צאמנעמען פאר אזא פארברענג, האט ער געזאגט רבש"ע אז ס'געפעלט דיר נישט וויאזוי מען רעכט אפ די תשעה באב זיי עס מבטל.

די זעלבע אויכעט דא, אז מען קען עס נישט מאכן ווי עס דארף צו זיין, די רבש"ע קען עס מבטל זיין.

(בשעת ניחום אבלים ע"י אדמו"ר מפאפא שליט"א יום ה')

די אידן וואס זענען געווען מיט אים אינאיינעם אין לאגער פלעגן דערציילן, דארט פלעגט מען דאף אויפוועקן פארטאגס צו די ארבעט, האט ער געזאגט, זעטס אז דא קען מען אויפשטיין פארטאגס צו די ארבעט, לאמיר זיך מקבל זיין אז ווען מען וועט באפרייט ווערן וועט מען אויפשטיין פארטאגס צו לערנען.

(בשעת ניחום אבלים ע"י אדמו"ר מראחמסטריווקא זצ"ל - יום ה')

**יו"ל ע"י מכון מיטב אמרים להעתקת ועריכת ד"ק של כ"ק מרן רבינו שליט"א,**
לכל עניני הקונטרס או להשתתף עם ההוצאות נא להתקשר אל המערכת 718-218-5617

## ואלה יעמדו על הברכה
## שהשתתפו בהוצאות הקונטרס

מו"ה **אלי' רייזמאן** הי"ו

לרגל הולדת בתו למז"ט

❊

מו"ה **ישראל בערקאוויטש** הי"ו

לרגל הולדת בתו למז"ט

❊

**יתברכו כולם ממעון הברכות ויזכו לראות רב נחת דקדושה**
**מכל יו"ח וימלא ה' כל משאלות לבכם לטובה ולברכה**

## למנצח שיר מזמור הריעו

ידידינו היקר המפואר פאר המעלות והמידות כהן שדעתו יפה

**מו"ה בנציון שלמה הכהן פאללאק הי"ו**

משמש בקודש אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

לרגל הולדת בנו למזל טוב